# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען געזאמלט
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
**רבי אברהם אלימלך בידרמן** שליט"א

**תצוה**

מכון
באר האמונה

**יו"ל ע"י**

**מכון 'באר האמונה'**

מכון
באר האמונה

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון

וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות

אין הארות מעלדט אייך צו:

אימייל: Mail@derparshakval.com

טלפון: 1347-871-8285

**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**

©

**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## פרשת תצוה


שושנת יעקב צהלה ושמחה - זיך האַלטן אַ גאַנץ יאָר בשמחה........................................ א

דירה בתחתונים - זיך פאַרבינדן מיטן אויבערשטן דורך תפילה ........................................ ד

שמן זית זך - די נאַטור פון אַ איד איז: ער מישט זיך נישט אוים........................................ז

בתית למאור - מ׳מעג נאָר זיין צובראכן אויב נאָבדעם וועסטו שיינען ........................................ י

# פרשת תצוה

**שושנת יעקב צהלה ושמחה - זיך האַלטן אַ גאַנץ יאָר בשמחה**

**אַרויסגייענדיג** פון דעם יום טוב פורים, איז כדאי אַרומצורעדן אַביסל דעם ענין פון שמחה, וואָס מיר זענען באַפוילן געוואָרן אין חודש אדר, "משנכנס אדר מרבין בשמחה", וואָס גייט אָן נישט נאָר אין דעם חודש, נאָר אַ גאַנץ יאָר.

**איינע** פון די שווערסטע עבודות פון אַ איד אויף דער וועלט, איז צו זיין שטענדיג בשמחה, ווי הרה"ק מסאַטמאַר זי"ע, האָט געזאָגט, אַז פון אַלע הלכות פון פורים וואָס ווערן דערמאנט אין שולחן ערוך, געפינען מיר נישט דאָס לשון "חייב", נאָר ביי די מצוה פון זיין פרייליך פורים, ווי עס ווערט געַפסק'ענט (או"ח סי' תרצ"ה, ס"ב) "חייב איניש לבסומי בפוריא" [און כאָטש אין דער גמרא (מגילה ד.) געפינען מיר אַן ענליך לשון ("חייב") אויך וועגן די מצוה צו לייענען די מגילה, "חייב אדם לקרות את המגילה בלילה", אָבער אין שולחן ערוך ווערט דערמאנט דאָס לשון "חייב", נאָר וועגן פרייען זיך אין פורים], און דער טעם דערפאַר איז, ווייל דאָס איז דאָס 'פינטעלע' פונעם טאָג. דאָס הייסט, די הויפט-מצוה פון דעם טאָג פון פורים איז צו זיין גאָר שטאַרק בשמחה, און עס איז דער זמן דערפאַר, און דער מענטש דאַרף טוהן זיינס, און דער אויבערשטער וועט איהם העלפן אַז ער זאָל קענען זיין בשמחה[א].

**א.** דער טור ברענגט (או"ח סי' תי"ז) אין נאָמען פון זיין ברודער, הרב ר' יהודה, אַז די 12 חדשים פון יאָר זענען אַנטקעגן די 12 הייליגע שבטים, און חודש אדר איז אַנטקעגן יוסף הצדיק [ווייל "מזל אדר דגים", און ביי יוסף שטייט (בראשית מט, כב) "בן פורת יוסף, בן פורת עלי עין", וואָס מיינט אַז אַן עין הרע האָט נישט געוועלטיגט אויף איהם, אַזוי ווי די פיש].

לויט דעם, זאָגט דער הייליגער באַרדיטשוב'ער רב זי"ע ("קדושת לוי", פרשת שקלים), אַז דערפאַר איז מען מעבר חודש אדר (אין אַן "עיבור יאָר"), און נישט אַן אַנדערן חודש, ווייל שבט יוסף האָט זיך צעטיילט צווישן זיינע צוויי זון, מנשה און אפרים, וואָס זיי זענען געוואָרן אַזוי ווי ראובן און שמעון. דאָס איז די כוונה פון דעם וואָס יוסף הצדיק האָט געענטפערט פאַר זיין טאַטן יעקב אבינו ע"ה, ווען ער האָט איהם געפרעגט (בראשית מח, ח-ט) "מי אלה", ווער זענען די צוויי קינדער, און יוסף האָט איהם געענטפערט: "בני הם אשר נתן לי אלקים בזה". ז"ה באַטרעפט 12, און מיט דעם האָט ער געוואָלט מרמז זיין, אַז זיינע צוויי זון זענען אַנטקעגן דעם צוועלפטן חודש פון יאָר - חודש אדר.

הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע זאָגט נאָך מער ("פרי צדיק", לר"ח אדר א'), אַ רמז אויף דעם וואָס מיר פסק'ענען (או"ח סי' תרפ"ה ס"א) אַז אין אַן עיבור-יאָר, לייענט מען די מגילה אין צווייטן חודש אדר, און נישט אין ערשטן חודש, ווייל דער פסוק זאָגט דאָך (בראשית מח, כ) "וישם את אפרים לפני מנשה", יעקב אבינו ע"ה האָט געשטעלט אפרים פאַר מנשה. דאָס איז אַ רמז, אַז אין אַן עיבור יאָר, זאָל מען לייענען די מגילה אין אין חודש אדר שני, וואָס איז אַנטקעגן אפרים, און נישט אין ערשטן חודש אדר, וואָס איז אַנטקעגן דעם בכור, מנשה.

חודש אדר, איז מסוגל קונה צו זיין די מדה פון ענוה, זיך צו האַלטן קליין, לויט ווי עס שטייט אין ספה"ק "אגרא דכלה" (פ' ויחי) אַז ווען יעקב אבינו ע"ה האָט איבערגעדרייט זיינע הענט, און ער האָט געלייגט זיין רעכטע האַנט אויפ'ן קאָפּ פון אפרים און זיין לינקע האַנט אויפ'ן קאָפּ פון מנשה, האָט אפרים זיך נישט גרויס געהאַלטן, כאָטש ער האָט באַקומען מער כבוד ווי זיין עלטערער ברודער מנשה, און מנשה, ווידער, האָט נישט מקנא געווען אפרים'ען מיט זיין הצלחה אַז יעקב האָט איהם געשטעלט פריער און העכער פון איהם. וועגן דעם האָט יעקב געזאָגט, "בך יברך ישראל לאמור, ישימך אלקים כאפרים וכמנשה". ער האָט געבענטשט די אידן אַז זיי זאָלן שטענדיג זוכה זיין צו די צוויי טייערע מידות, נישט זיך צו האַלטן גרויס, און נישט מקנא צו זיין אַ צווייטן, מ'זאָל האָבן אַ גוט אויג פאַר די הצלחה פון אַ צווייטן איד.

לויט דעם איז ממילא פאַרשטענדליך פאַרוואָס די חז"ל האָבן אונז געהייסן פאַרמערן די מדה פון שמחה אין חודש אדר, ווייל די שלעכטע מדות פון קנאה און גאווה, זענען דער הויפט-גורם אַז דער מענטש זאָל קיינמאָל נישט זיין צופרידן מיט דעם וואָס ער האָט, און מיט דעם טוען די געפילן פון שמחה אַרויסגערינען פונעם האַרץ פון מענטש (ער קען דאָך נישט זיין פרייליך ווען ער איז מקנא אַ צווייטן, אָדער ווען ער האַלט זיך גרעסער פון יענעם און ער האַלט אַז עס

די עצה פאַר אונז, ווי אַזוי מיר זאָלן זיך קענען פרייען, איז צו אנערקענען ווי חשוב עס איז אין הימל, די עבודה פון יעדן איד. אפילו אויב עס דאַכט זיך פאַר'ן מענטש אַז זיין עבודה איז "פגום" ח"ו, ער דינט נישט דעם אויבערשטען ווי עס דארף צו זיין, דאַרף ער אָבער מחשיב זיין אַלעם וואָס ער טוט, ווייל אין הימל קוקט מען אַרויס אויף יעדע פעולה פון אַ איד[ב].

אַזוי זאָגט דער "שם משמואל" (פ' תצוה, שנת תר"פ) אויף די ווערטער פון חז"ל (גיטין נז:) אַז די אייניקלעך

קומט איהם מער ווי יענער פאַרמאָגט). אָבער אַז מען איז זוכה צו די גוטע מדות פון מנשה און אפרים - נישט זיך צו האַלטן גרויס, און נישט מקנא צו זיין אַ צווייטן - קען מען זיין אַ "שמח בחלקו", מ'פרייט זיך שטענדיג מיט'ן אייגענעם חלק.

מ'דאַרף זייער שטאַרק אַרבעטן אויף זיך, אַז מ'זאָל זיך קענען פרייען מיט די אמת'ע שמחה, און נישט נאָר דערפאַר ווייל עס איז א מצוה זיך צו פרייען.

אַזוי דערציילט מען בדרך הלצה, אַז אַ געוויסער אָרימאַן וועלכער האָט געבאָרגט געלט פון אַ סאַך מענטשן, האָט שטענדיג געקרעכצט איבער זיין ענגען מצב. אַמאָל האָט איינער פון די צדיקים איהם געמוסר'ט פאַרוואָס ער איז נישט בשמחה, דער מענטש דאַרף דאָך אייביג זיין פריילך. האָט דער אָרימאַן אַ קרעכץ געגעבן, און געזאָגט: "אוי, יעצט האָט איר אַרויפגעלייגט אויף מיר נאָך אַ חוב...".

ס'איז איבעריג צו זאָגן, אַז אויף אַזאַ אופן, קען מען נישט מקיים זיין די מצוה פון שמחה זיך צו פרייען פון טיפן האַרצן, ווייל ס'איז נישט שייך עס מקיים צו זיין ווען עס איז ווי אַן עול אויפ'ן מענטש, צו זיין בשמחה.

די סלאָנימער צדיקים זי"ע האָבן געזאָגט, אַז דערפאַר זאָגן חז"ל (מגילה ז:) "מיחייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי", און זיי זאָגן נישט, "מיחייב איניש לבסומי בשתיית יין" (זיי דערמאנען נישט קלאָר דעם ענין פון טרינקען וויין), ווייל באמת איז מען מחויב זיך צו פרייען מיט'ן טאָג פון פורים. דער וויין איז נישט מער ווי אַ מיטל, צו פאַרטרייבן פון זיך די פאַרשידענע געפילן פון עצבות און דאגות וואָס פלאָגן דעם מענטש אַ גאַנץ יאָר. די עצם שמחה דאַרף זיין מיט'ן עצם טאָג פון פורים.

**ב.** דאָס קען מען לערנען פון דעם וואָס די חז"ל דערציילן (יומא לח.) אַז ניקנור איז געגאַנגען ברענגען טירן (פאַר'ן בית המקדש) פון אלכסנדריא, אין מצרים. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָבן די ים-כוואַליעס געוואָלט איינטינקען די שיף, און די מענטשן פון די שיף האָבן אַריינגעוואָרפן איינע פון די טירן אין ים (כדי לייכטער צו מאַכן די לאַסט אויף די שיף), אָבער דער ים האָט נאָך אַלץ נישט געהוהט פון זיין שטורעם. האָט מען געוואָלט אַריינוואַרפן נאָך אַ טיר, אָבער ניקנור האָט זיך צוגעבונדן צו די טיר און געזאָגט, "אויב איר וואַרפט אַריין די טיר, וועל איך מיטגיין מיט איר", און דעמאָלטס האָט דער ים זיך באַרואיגט פון זיין שטורעם. האָט ניקנור געהאַט צער אויף די טיר וואָס איז פריער אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין ים. ווען ער איז אָנגעקומען צום בארטן פון עכו, האָט די טיר ארויפגעשווימען פון אונטער די ווענט פון די שיף.

דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט ניקנור זיך אַזוי איינגע'עקשנ'ט אַז מ'זאָל נישט אַריינוואַרפן די צווייטע טיר אין ים אַריין, מ'האָט דאָך ממילא נישט געקענט אַריינשטעלן אין בית המקדש די צווייטע טיר וואָס איז פאַרבליבן אויף די שיף, ווייל די טויערן פון ניקנור זענען דאָך געשטאַנען איינע נעבן די אַנדערע, און וויבאַלד די ערשטע טיר איז שוין אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין ים, האָט די צווייטע טיר פאַר זיך נישט קיין שום ווערד.

נאָר וואָס דען, זעהען מיר דאָ אַ לימוד פון ניקנור'ס מסירות נפש, אַז כאָטש ער האָט געוואוסט אַז ער האָט נישט אַ גאַנצע זאַך, און ס'איז מעגליך אַז אויך דאָס וואָס ער האָט אין זיין האַנט (די צווייטע טיר) האָט נישט קיין ווערד, פונדעסטוועגן האָט ער געהאַט מסירות נפש נישט מוותר צו זיין אויף דעם וואָס ער פאַרמאָגט יאָ.

פון דעם קען יעדער איינער לערנען, אַז כאָטש ער דינט נישט דעם אויבערשטען בשלימות, ווי געהעריג, פונדעסטוועגן זאָל ער זיך נישט צוהערן צום יצר הרע וועלכער וויל איהם איינרעדן מיט פאַלשע איינרעדענישן אַז אויך דאָס וואָס ער האָט אין זיין האַנט האָט נישט קיין ממשות, נאָר ער זאָל זיך שטאַרקן און קעמפן אַזוי לאַנג ווי מעגליך נישט מוותר צו זיין דערויף, און נאָר אויף אַזאַ אופן, קען מען בויען אַ בית המקדש, ווייל לעתיד וועט ער זוכה זיין צו אַ נס אַז אויך די ערשטע טיר וועט צוריקקומען, און אַזוי האָט טאַקע פאַסירט.

פון המן האָבן געלערנט תורה אין בני ברק. ווי אַזוי האָט דער אכזר, דער רשע המן, זוכה געווען צו אַזאַ גרויסן שכר, אַז זיינע אייניקליך זאָלן אויסוואַקסן תנאים און אמוראים וואָס לערנען דעם אויבערשטען'ס תורה בקדושה ובטהרה[ג]?

**ענטפערט** דער "שם משמואל", לויט ווי דער מדרש זאָגט (אסתר רבה, פ"י, ה) אַז ווען המן האָט אַרומגעפירט מרדכי הצדיק אויפ'ן קעניגליכן פערד אויף די גאַסן פון שושן, האָט המן געזאָגט דעם פסוק (תהלים ל, ז-ח) "ואני אמרתי בשלוי בל אמוט לעולם, ה' ברצונך העמדת להררי עוז, הסתרת פניך הייתי נבהל". דעמאָלטס איז אַריינגעקומען אַ געדאַנק אין המן'ס קאָפּ אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער וואָס פירט די וועלט, און ער האָט מודה געווען אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען. מיט דעם זענען נתעורר געוואָרן אין איהם די גוטע חלקים וואָס זענען געווען באַהאַלטן אין איהם, און דאָס שלעכטס האָט זיך אָפּגעטיילט פון זיינע ביינער. אַזוי איז די "זוהמא" (דער כח הטומאה) פון המן פאַרשוואונדן פון זיינע קינדער נאָך איין גלגול, און עס זענען אַרויסגעקומען פון איהם צדיקים און מרביצי תורה[ד].

**שרייבט** דער "שם משמואל", אַז פון דאָ איז אַ לימוד פאַר יעדן מענטש, אפילו אויב ער געפינט זיך חלילה אין אַ גאָר שלעכטן מצב רח"ל, זאָל נישט זיין קליין אין זיינע אויגן קיין איין וואָרט וואָס ער זאָגט אַרויס פאַר'ן אויבערשטען, און אַפילו נישט אַ גוטע מחשבה, כאָטש ער איז נישט בכוח צו פאַרבלייבן גוט, אָבער פונדעסטוועגן, זאָל ער זיך שטאַרקן נאָך יענעם טאָג, און ער וועט נאָך האָבן דערפון אַ גרויסן נוצן! ער זאָל נישט אַריינפאַלן אין יאוש אפילו אין אַ צייט ווען עס זעהט איהם אויס אַז עס איז איהם פינצטער ח"ו, צום ביישפיל, ווען ער האָט נישט קיין חשק צו לערנען, זאָל ער זיך שטאַרקן און לערנען אַ פרק אָדער אַ הלכה, און אויך דאָס איז זייער חשוב ביי דעם אויבערשטען, און ער וועט באַקומען דערפאַר אַ גרויסן שכר, אויף אַזוי ווייט, "שאין הפה יכול לדבר והלב לחשוב, עד היכן הדברים מגיעים". דאָס מויל קען נישט אַרויסרעדן, און דאָס האַרץ קען אַפילו נישט טראַכטן (ווי ווייט עס דערגרייכט דער כח פון חיזוק וואָס אַ איד קען האָבן אין איין מינוט).

**דאָס** ענין אַז אַ איד טאָהר קיינמאָל נישט אַריינפאַלן אין יאוש, זעהען מיר אויך פון דעם וואָס די חז"ל (מגילה ז.) דערציילן, אַז אסתר האָט געשיקט צו די חכמים, זיי זאָלן פאַרשרייבן איר געשיכטע פאַר אַלע דורות. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט אסתר געבעטן מ'זאָל פאַרשרייבן דעם נס אין אַ מגילה פאַר די שפּעטערדיגע דורות? די צדיקת אסתר, האָט דאָך זיכער נישט געמיינט איר אייגענעם כבוד, אַז עס זאָל איבערבלייבן פון איר אַן זכר אין אַלע שפּעטערדיגע דורות.

**קען** מען זאָגן, אַז אסתר איז דאָך לכתחילה געווען אין אַ נידריגן מצב, זייענדיג אַ יתומה פון איר פאָטער און מוטער ("כי אין לה אב ואם"), און פונדעסטוועגן, האָט דער אויבערשטער איר געהאָלפן און זי איז דערהויבן געוואָרן צו ווערן די קעניגין פון פרס ומדי, און צו

---

**ג.** די גמרא זאָגט (תענית כט.) רב יהודה דער זוהן פון רבי שמואל בר שילת האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב, אַז פונקט ווי ווען עס קומט חודש אב דאַרף מען פאַרמינערן זיך צו פרייען, אַזוי ווען עס קומט אָן חודש אדר, דאַרף מען פאַרמערן צו זיין בשמחה. דער דאָזיגער מאמר איז געזאָגט געוואָרן דורך רב שמואל בר שילת, וואָס ער איז געווען אַן אייניקל פון המן און האָט געלערנט תורה אין בני ברק (סנהדרין צו: לויט די גירסא פון "עיון יעקב"). זעהען מיר דאָך קלאָר פון דעם, אַז המן'ס אייניקלעך זענען געווען תנאים וואָס זייערע ווערטער ווערן דערמאַנט אין די ברייתות.

**ד.** ס'איז אַ סברא צו זאָגן, אַז דער רשע האָט נישט געטראַכט אַזוי, נאָר פאַר יענע מינוט, ווייל המן איז דאָך געווען אַ גרויסער אפיקורס, ער האָט נישט געגלייבט אין דעם אויבערשטען, נאָר צוליב זיין שווערן מצב אין יענע מינוט (ווען ער האָט געדאַרפט אַרומפירן מרדכי אויפ'ן קעניגליכן פערד) איז אַדורכגעלאָפן אין זיינע געדאַנקען אויך די דאָזיגע מחשבה (אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער וואָס פירט די וועלט), און פונדעסטוועגן, האָט ער צוליב דעם זוכה געווען צו אַזאַ גרויסן שכר, איז דאָך אַוודאי געוויס אַ קל וחומר, טויזנט מאָל מער, אַז ווען אַ איד האָט אַ גוטע מחשבה, באַקומט ער גאָר אַ גרויסן שכר דערפאַר.

ראַטעווען שפעטער גאַנץ כלל ישראל פון אַ גזירת כליה רח"ל. אָט דאָס האָט אסתר געוואָלט פאַר אַלע דורות צו וויסן, אַז דער מענטש טאָר נישט אַריינפאַלן אין יאוש ח"ו, ווייל מיט אַלע זיינע פעלערן, קען ער זיך דערהייבן און דערגרייכן צום שפיץ באַרג.

**דירה בתחתונים - זיך פאַרבינדן מיטן אויבערשטן דורך תפילה**

**ואתה** תצוה את בני ישראל, ויקחו אליך שמן זית זך כתית למאור, להעלות נר תמיד (כז, כ).

**זאָגט** דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "דברי שמואל" זי"ע (געברענגט אין ספר "בית אברהם", פון זיין זון, דער שפעטערדיגער סלאָנימער רבי זי"ע, פ' תצוה), תצו"ה איז ראשי תיבות, צ'עקת ה'דל ת'קשיב ו'תושיע, ווייל די חז"ל זאָגן (כתובות עז:) אַז עס זענען דאָ 24 סאָרטן "מוכי שחין" (געשלאָגענע מיט אַ שחין רח"ל), און משה רבינו ע"ה האָט זיך געהאַלטן קלענער פון די אַלע "מוכי שחין". דאָס הייסט, משה האָט - טראָץ זיין הויכע מדרגה - זיך געהאַלטן קלענער פון די 24 "מוכי שחין", ווי דער פסוק זאָגט (במדבר יב, ג) "והאיש משה ענו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה".

**טראָץ** זיין גרויס ענווות, האָט משה רבינו ע"ה זיך נישט צוריקגעהאַלטן פון בעטן צום אויבערשטן. ווען מ'האָט געדאַרפט אָנקומען צו זיין תפילה, האָט ער זיך געשטאַרקט צו בעטן דעם אויבערשטן, און ער איז (נאָכ'ן חטא העגל) אַפילו געווען גרייט אויף מסירות נפש פאַר אידן: "ואם אין מחני נא מספרך אשר כתבת" (שמות לג, לב). אויב דער אויבערשטער איז נישט מוחל די עבירה פון די אידן, איז ער גרייט אויסגעמעקט צו ווערן פון דעם אויבערשטן'ס ספר. נישט נאָר פאַר כלל ישראל האָט ער געבעטן, נאָר אויך פאַר אַ יחיד: ער האָט מתפלל געווען פאַר זיין שוועסטער, מרים, "א-ל נא רפא נא לה" (במדבר יב, יג).

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק: "ואתה תצוה את בני ישראל". יעדער איד דאַרף וויסן אַז אַפילו אויב ער איז אין אַ נידעריגן מצב, ווייל דער גרויסער דערבאַרימדיגער פאָטער אין הימל, הערן זיין תפלה. דער מענטש זאָל נישט זאָגן, "איך בין דאָך ארים פון מצוות", ווייל "ואתה תצו"ה" - צ'עקת ה'דל ת'קשיב ו'תושיע[ה].

**דער** "מסילת ישרים" (פרק יט) שרייבט וועגן דעם ענין פון תפילה, אַז דער מענטש דאַרף טראַכטן ביים דאַווענען, אַז ער איז דאָ מתפלל פאַר דעם גרויסן קעניג, דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, ווי דער תנא זאָגט אָן (ברכות כח:) "וכשאתה מתפלל, דע לפני מי אתה מתפלל"... ווען דו שטייסט און דאַווענסט, זאָלסטו וויסן פאַר וועמען דו דאַווענסט. דו שטייסט פאַר דעם גרויסן באַשעפער ברוך הוא, און דו "האַנדלסט"

**ה.** ווען ס'איז ערפונדן געוואָרן די באַן, וואָס פאָרט אָן פערד, האָבן גדולי ישראל פון יענעם דור געזאָגט, אַז מ'האָט עס געשיקט פון הימל, אונז צו לערנען אַ לימוד אין עבודת ה', אַז מיר זאָלן וויסן צו האַלטן טייער יעדע מינוט, ווייל ביי אַ באַן זעהט מען, אַז אויב מ'פאַרשפעטיגט די באַן אַפילו מיט אַ מינוט, קען מען מער נישט פאָרן מיט די באַן. פון דעם זעהט מען דאָס חשיבות פון יעדע מינוט, אין לעבן פון אַ איד.

ווען מ'האָט ערפונדן די טעלעגראַמעס, און מ'האָט אָנגעהויבן שיקן וויכטיגע מעלדונגען פון איין אָרט צום צווייטן, וואָס האָט געקאָסט אַ טייערן פרייז, און פאַר יעדן אות האָט מען באַצאָלט אַ שיינעם סכום, האָבן די צדיקים געזאָגט, אַז פונעם טעלעגראַם לערנען מיר די וויכטיגקייט פון יעדן אות, וואָס דער מענטש זאָגט אַרויס מיט'ן מויל.

שפעטער, איז אויפגעקומען דער וואונדער וואָס רופט זיך טעלעפאָן, מיט וועלכן מענטשן האָבן שוין געקענט רעדן צו ווייטע ערטער - אויך מעבר לים. דאַן האָט דער "חפץ חיים" זי"ע געזאָגט, אַז פונעם טעלעפאָן לערנען מיר, אַז מ'קען שטיין און רעדן דאָ, און מ'זאָל הערן ווייט אַוועק. אויב אַזוי, זאָלן מיר זיך אַוודאי נישט וואונדערן איבער'ן כח פון תפילה, וואָס דער מענטש זאָגט אַ וואָרט אויף דער וועלט, און עס ווערט געהערט אין אַלע עולמות העליונים.

אין אונזער דור, האָט דער טעכנאָלאָגישער פאָרשריט דערגרייכט נאָך ווייטער, און ס'איז אויפגעקומען דער "פלאפון" ("סעליולאַר טעלעפאָן"). מ'דאַרף שוין מער נישט האָבן די עלעקטרישע "פעדימער" פאַר די טעלעפאָנישע פאַרבינדונג (ווי ביי די היים-טעלעפאָנען). דאָס לערנט אונז, אַז אַפילו דער מענטש וואָס שפירט זיך אָפּגעריסן חלילה פון באַשעפער און זיין תורה, האָט ער נאָך דעם כח התפילה אין זיין האַנט, ווייל מענטשן רעדן דאָך אויך איינער צום אַנדערן, אָן שום "פעדימער" וואָס פאַרבינדן זיי...

פון דעם קען דער מענטש שעפּן חיזוק ווען ער שטייט אין שול און ער שפּירט אַז ער איז אינגאַנצן נישט "באַהאָפטן" צו דעם אָרט, ווייל זיין מח און האַרץ שוועבן אַרום אין דער גאַנצער וועלט... אָבער אַז דער מענטש הייבט אויף זיין קול און ער בעט רחמים ביי דעם אויבערשטען, העלפט איהם דער אויבערשטער.

אדרבה, אויב דער מענטש זעהט אַז ער האָט מניעות און שטערונגען אין עבודת ה', זאָל ער וויסן אַז דאָס ווייזט נישט אַז ער איז חלילה "דערווייטערט" פון באַשעפער, נאָר אדרבה, עס ווייזט אויף זיין שטאַרקע נאָנטשאַפט צו דעם אויבערשטען.

עס איז באַקאַנט דער משל פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, אַ מענטש האָט געשיקט זיין זון אין אַ ווייטן וועג, צום קעניגליכן פּאַלאַץ, ער זאָל זעהן דעם קעניג'ס געשטאַלט. האָט דער זון זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג, און איז געגאַנגען גאַנצע טעג, אָבער ער האָט זיך נישט דערזעהן נעבן דעם פּאַלאַץ, און אַפילו נישט אַ צייכן פון אַ פּאַלאַץ, זעהט זיך נישט פאַר זיינע אויגן. ער האָט שוין אַפילו געטראַכט וועגן זיך אומקערן אַהיים, אָבער ער האָט זיך פאָרט געשטאַרקט, אַז אויב ער איז שוין יאָ געגאַנגען אַזאַ ווייטן וועג, איז ער שוין מסתמא גאָר נאָנט צו זיין ציל, און ער איז געגאַנגען ווייטער.

פּלוצלינג האָט ער געזעהן אַ טומל, טויזנטער סאָלדאַטן שטייען מיט אויסגעשטרעקטע שווערדן. ס'איז איהם באַפאַלן אַ פּחד, און מיט אַ גרויסע בהלה און ציטער, איז ער צוריקגעלאָפן אַהיים צו זיין טאַטן, און מיט אַ געשטיקטן קול פון געוויין, האָט ער דערציילט זיין טאַטן וועגן די שוועריגקייטן וואָס ער האָט געהאַט, און אַז דער גאַנצער טלטול הדרך איז געווען אומזיסט. ער האָט נישט געזעהן אַ צייכן פון אַ קעניג און אַ פּאַלאַץ... האָט זיין פאָטער איהם געזאָגט מיט אַ ווייטאָגליכן טאָן:

- אויב דו ביזט שוין יאָ אַדורכגעגאַנגען אַלע שוועריגקייטן, ביסטו דאָך שוין אָנגעקומען צום אָרט וואו דער קעניג אַליין זיצט. פאַרוואָס ביזטו צוריקגעקומען? דאָס וואָס דו האָסט געזעהן אַזוי פיהל טויזנטער סאָלדאַטן, איז דאָך נאָר געווען אַ סימן אַז דאָרט געפינט זיך דער קעניג, ווייל זיי היטן און באַוואַכן דעם קעניג.

דער נמשל איז פאַרשטענדליך, דייקא ווען דער מענטש שטרויכלט זיך אָן אין נסיונות, און ער שפּירט ווי שווער ס'איז פאַר איהם פאָרצוזעצן זיין עבודה, זאָל ער זיך שטאַרקן, מיט'ן וויסן אַז דייקא דאָרט געפינט זיך דער גרויסער קעניג - דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא.

אַנדערע שטעלן-צו דאָס ענין, צו אַן אַנדערן משל: אַ גוי האָט זיך פאַרגליסט צו זיין ביי אַ "סדר-נאַכט" פּסח, אין אַ אידישע היים, ווייל ער האָט געהערט אַז אידן זיצן אָנגעלעהנט ווי "בני מלכים" - קינדער פונעם קעניג. זיי עסן פיש, פלייש, און אַנדערע געשמאַקע מאכלים, און וויין גיסט זיך דאָרט ווי וואַסער. אַלזאָ, וואָס האָט דער גוי געטוהן? ער האָט זיך פאַרשטעלט אַלס אַ איד, אָהנטועינדיג אידישע קליידער. פּסח ביינאַכט, איז ער געגאַנגען אין שול, מיט דער האָפענונג, אַז נאָך תפילת מעריב, וועט איינער פון די 'באַלעבאַטים' אין שול, איהם איינלאַדן צו זיך אַהיים. וכך הוה, איינער פון די אידן אין שול, האָט איהם טאַקע איינגעלאַדנט צום סדר.

מיט גרויס ערוואַרטונג און איבערראַשונג, איז דער גוי געגאַנגען אַהיים מיט דעם איד. אַריינקומענדיג אין הויז, איז איהם לעכטיג געוואָרן אין די אויגן, פון די לעכט וואָס האָבן פאַרשיינט די גאַנצע שטוב. ער האָט זיך דערקוויקט מיט'ן ריח פון די באַ'טעמ'טע מאכלים, וואָס זענען אַריין אין זיינע נאָזלעכער, און ער איז געווען זיכער, אַז ביז אַ קורצע צייט וועט מען איהם דערלאַנגען אַ "סעודת שלמה בשעתו".

דער באַלעבאָס האָט אָבער נישט אָנגעהויבן מיט די סעודה. ער האָט צוערשט געמאַכט קידוש "בדחילו ורחימו", און אויסגעטרינקען דעם ערשטן בעכער פון די פיר כוסות. דער גוי איז געווען זיכער, אַז דאָס איז דאָס וויין וואָס מ'טרינקט פאַר'ן עסן, און אַז אָט-אָט גייט מען עסן די סעודה. ווי אַנטוישט איז ער אָבער געוואָרן זעהענדיג ווי מ'וואַשט זיך די הענט, און מ'האָט געגעבן פאַר יעדן איינעם אַ שטיקל כרפּס, וויינינגער ווי אַ כזית, איינגעטינקען אין זאַלץ-וואַסער, און דערנאָך האָט מען במשך פון אַ שעה צייט, געזאָגט די הגדה, פון "הא לחמא עניא", ביז "גאל ישראל". במשך פון דער גאַנצער צייט, האָט דער גוי געשפּירט ווי ער גייט אויס... (שוין אָפּגערעדט אַז ער האָט נישט פאַרשטאַנען אַפילו אַ וואָרט וואָס די אידישע משפחה האָט געזאָגט). ער האָט זיך אָבער פאָרט איינגעהאַלטן, און אויסגעוואַרט ביז מ'וועט ענדיגן זאָגן די הגדה.

צום סוף, האָט דער באַלעבאָס אויסגערופן אַז מ'גייט זיך וואַשן די הענט, פאַר די סעודה. אָבער אנשטאָט צו טיילן פאַר זיין הויז-געזינדט אַ גרויסע חלה, האָט יעדער באַקומען אַ צובראָכן שטיקל מצה... דער גוי האָט, בלית

מיט איהם[ו], כאָטש דו זעהסט איהם נישט מיט'ן אויג, אָבער דער וואָס האָט שכל, איז אויב ער איז זיך מתבונן און ער לייגט-צו אַביסל האַרץ, קען ער אַריינלייגן אין האַרצן דעם אמת, ווי ער שטייט און "האַנדלט" ממש, מיט'ן אויבערשטען ברוך הוא. צו איהם בעהט ער זיך, און פון איהם פאַרלאַנגט ער זיינע באַדערפענישן, און דער אויבערשטער ברוך הוא הערט זיינע ווערטער אַזוי ווי אַ מענטש וואָס רעדט צו זיין חבר, און דער חבר הערט איהם אויס.

**דאָס** איז דערפאַר ווייל דער אויבערשטער - דער "בורא ומנהיג לכל הברואים" - ווייל אַז זיינע קינדער זאָלן זיין אָנגעוויזן אויף איהם[ז], און זאָלן זיך אונטערטעניגן צו איהם[ח], און אַז דער מענטש זאָל אנערקענען אַז דער

---

בריאה, זיך אָנגעגאַרטלט מיט געדולד, און צוגעוואַרט ביז מ'וועט דערלאַנגען די פיש און פלייש, אָבער אנשטאט דעם, האָט מען איהם גאָר געגעבן "מרור", און "כורך"... זעהענדיג וואָס דאָ קומט פאָר, האָט דער גוי זיך אויפגעשטעלט מיט אַ כעס, און איז אַרויסגעלאָפן פון הויז. ער האָט זיך געבייזערט אויף די אידן, וועלכע "נאַרן אָפּ" די וועלט און זאָגן ליגן, אַז זיי עסן פסח ביינאַכט אַ פעטע סעודה...

ס'איז דאָך פשוט, אַז אויב דער נאַרישער, קליין-קעפּלדיגער גוי וואָלט זיך געשטאַרקט און געוואַרט נאָך אַ מינוט, וואָלט מען איהם דערלאַנגט אַלע מטעמים אויפ'ן טיש, ווייל נאָר נאָך "מרור" - שווערע צייטן - איז דער מענטש זוכה צו "שולחן עורך", מיט אַן אור פון הימל.

**ו.** אַ איד וואָס איז ליידער געווען ווייט פון שמירת התורה והמצוות, איז אַמאָל אַריינגעקומען אין דער ישיבה אין "כפר חסידים", ווען די תלמידים פון דער ישיבה האָבן געהאַלטן אינמיטן דאַווענען. ווען דער פאַרשוין איז אַרויסגעגאַנגען פון ישיבה, האָבן די תלמידים איהם געפרעגט, וואָס ער האָט דאָ געזעהן אין ישיבה. האָט ער געענטפערט, "איך בין געשטאַנען און זיך צוגעקוקט ווי די תלמידים שאָקלען זיך אהין און צוריק, און מאַכן פאַרשידענע באַוועגונגען מיט זייער קערפּער. איך האָב זיך אָבער גוט אומגעקוקט, און געזעהן דעם 'אַלטן' וואָס איז געשטאַנען ביים מזרח-וואַנט (דאָס איז געווען הגה"צ רבי אלי' לופּיאַן זצ"ל, דער משגיח פון דער ישיבה), און עס האָט אויסגעזעהן ווי ער שטייט און רעדט מיט עמיצן...". אָט אַזוי דאַרף אַ איד דאַווענען!

**ז.** ווען דער בילגערייער רב, הגה"צ רבי מרדכי רוקח זצ"ל, איז געקומען צום עלטער פון שידוכים, האָט מען איהם אָנגעטראָגן אַ שידוך, מיט אַ רייכע מיוחס'דיגע משפחה, וואו ס'איז געווען אַ בחינה פון "תורה וגדולה במקום אחד". אַלע מקורבים פון זיין טאַטן, דער פריערדיגער בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד זי"ע, האָבן געמיינט אַז דער רב וועט זיך "צוכאַפּן" צום שידוך.

צו אַלעמענ'ס וואונדער, האָט אָבער דער בעלזער רב זיך אָפּגעזאָגט צו טוהן דעם שידוך, צוגעבנדיג, אַז ער וויל נישט אַז זיין גרעסטער זון זאָל אויפשטיין יעדן אינדערפרי, מיט'ן וויסן אַז ער האָט ברויט צו עסן בריווח. דער בעלזער רב האָט געזאָגט:

- אדרבה, ענדערש זאָל ער האָבן וויינינגער פרנסה, און ער זאָל שטענדיג דאַרפן בעטן ביי דעם אויבערשטען, ער זאָל איהם שפייזן בהרחבה ובהיתר. אַזוי וועט ער שטענדיג האָבן אַ קשר מיט'ן באַשעפער פון אַלע וועלטן. דער אויבערשטער וויל, אַז דער מענטש זאָל שטענדיג זיין צוגעבונדן צו איהם, ווי דער מדרש זאָגט (במדבר"ר פי"ג, ו) "התאוה הקדוש ברוך הוא לדירה בתחתונים". דער אויבערשטער האָט געגליסט צו האָבן אַ וואוינונג אויף דער וועלט.

**ח.** דער חיד"א זצ"ל ברענגט (ס' "מחזיק ברכה", או"ח סי' צח, סק"ב) אין נאָמען פונעם אריז"ל, אַז ווען מ'זאָגט די ווערטער "ועוזר דלים" ביי תפילת שחרית, דאַרף יעדער איינער זיך באַטראַכטן ווי אַ "דל" און אַ "רש", און אַזוי זאָל ער שטיין און דאַווענען תפילת שמונה עשרה.

אַזוי זאָגט אויך דער "פלא יועץ" (ערך כניעה), אַז אַמאָל האָט פּאַסירט, אַז אַ גרופּע ערליכע אידן האָבן געדאַוונט מיט גאָר געהויבענע כוונות, און מ'האָט זיי געלאָזט וויסן פון הימל, אַז די תפילה וואָס זיי האָבן געדאַוונט איז טאַקע געווען וואונדערליך, נאָר וויבאַלד זיי האָבן נישט געהאַט די נויטיגע הכנעה, האָבן זיי שיער באַקומען אַן עונש. בלויז איינער פון זיי האָט געהאַט הכנעה, און זיין זכות האָט געשיצט, אַז זיי זאָלן אַלע געראַטעוועט ווערן פונעם עונש.

רעדנדיג וועגן די מדה פון הכנעה, האָט דער גערער רבי, הרה"ק בעל "פני מנחם" זי"ע, דערציילט, אַז ווען ער איז געווען אַ קינד, האָט זיין פאָטער, דער אַלטער גערער רבי, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זי"ע, איהם אַמאָל געפרעגט

באשעפער פירט די גאַנצע וועלט, און ממילא דאַרף מען ביי איהם בעטן יעדע זאַך, אפילו אַ קליינגקייט. דעריבער דאַרף ער קומען צו איהם, און זיך פאַרבינדן מיט איהם דורך תפילה. דאָס ווייזט אַז ער געפינט זיך נאָנט צו איהם, און בעט פון איהם אַלע זיינע באַדערפעניש.

**וועגן** דעם האָבן חז"ל געזאָגט (ב"ר פ"ג, ז) "נתאווה הקדוש ברוך הוא לעשות לו שותפות בתחתונים". דער אויבערשטער כביכול, האָט געגליסט צו מאַכן אַ "שותפות" מיט די מענטשן אויף דער וועלט.

**שמן זית זך - די נאַטור פון אַ איד איז: ער מישט זיך נישט אויס**

**ויקחו** אליך שמן זית זך, כתית למאור, להעלות נר תמיד. זאָגט דער מדרש (שמ"ר פל"ו, סא), אויל האָט אַ נאַטור, אַז עס מישט זיך קיינמאָל נישט אויס מיט אַ געטראַנק, נאָר עס שווימט אַרויף אויבן. אַזוי אויך די אידן, מישן זיך קיינמאָל נישט אויס מיט די גוים, עכ"ל.

**זאָגן** די ספרים, אַז דאָ האָבן די חז"ל מרמז געווען פאַר'ן מענטש אַ וועג תשובה צו טוהן, אַז יעדער איד, אפילו אויב ער איז געוואָרן דערוויטערט, און ער שפירט אַז ער איז געפאַלן מטה מטה רח"ל, אָבער באַלד ווען ער כאַפּט זיך דערויף, קען ער צוריק "אַרויפשווימען" אויבן, ווייל אַ אידישע נשמה מישט זיך נישט אויס מיט די טומאה ח"ו. ער קען אייביג תשובה טוהן אַ "תשובה מעליא".

**אויך** אויב דער מענטש איז אין דער בחינה פון "כתית" - צוקלאַפּט און צובראָכן מיט עבירות און נפילות ח"ו, דאַרף ער זיך שטאַרקן מיט האָפענונג, אַז אין איין מינוט קען ער צוריקקומען "למאור" - צו שיינען אַליין, און אַפילו פאַרשיינען די גאַנצע וועלט.

**דער** יצר הרע וויל איינרעדן דעם מענטש, אַז די טויערן פון תשובה זענען, חלילה וחס, פאַרשלאָסן פאַר איהם. דאַרף מען געדענקען, אַז די טויערן פון תשובה זענען שטענדיג אָפען, און יעדער מענטש וואָס וויל נעמען דעם טיטול פון "בעל תשובה", קען קומען און עס נעמען. נישט נאָר יעצט, נאָך די שובבי"ם טעג, נאָר שטענדיג, קען דער מענטש תשובה טוהן אויף אַלע זיינע מעשים, און מ'טאָר זיך קיינמאָל נישט מייאש זיין פון די מעגליכקייט תשובה צו טוהן, און ספּעציעל יעצט, ווען מיר האבן זוכה געווען נאכאמאל צו מקבל זיין דעם עול התורה והמצות אין די ימי הפורים - "קימו וקיבלו".

**דער** גערער רבי, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע, פלעגט זאָגן, אַז די פרשה פון ביכורים איז געשטעלט געוואָרן ביים סוף פון דער תורה (אין פרשת כי תבא), כדי אונז צו לערנען, אַז אויך דער מענטש וואָס שפירט ביי זיך אַז ער האַלט חלילה ביים "סוף" פון די תורה, און אַז אָט-אָט ווערט ער, חלילה, אינגאַנצן אָפּגעריסן פון די תורה, איז דער וועג פון תשובה נאָך אַלץ אָפען פאַר איהם. ער דאַרף נאָר נעמען אויף זיך צו וועלן זיך באַנייען מיט אַ פרישע התחדשות.

**אָט-דאָס** איז דער לימוד פון די מצוה פון ביכורים: אָנצוהייבן פונדאָסניי מיט פרוכט וואָס זענען געצייטיגט, אַז דער מענטש זאָל פאַרגעסן פון אַלעם וואָס האָט פּאַסירט מיט איהם אין דער פאַרגאַנגענהייט[ט].

**נאָך** מער: אויך אויב דער אויבערשטער בכבודו ובעצמו זאָגט פאַר'ן מענטש, אַז ער האָט מער נישט די

---

אויפ'ן פסוק (בראשית כח, יב) "והנה סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה". דאַרף מען פאַרשטיין, די הימלען זענען דאָך ווייך (ווייל זיי זענען געמאַכט פון פייער און וואַסער), אויב אַזוי, ווי אַזוי איז דער לייטער געשטאַנען, און אויף וואָס האָט ער זיך אָנגעלענט?

דער "אמרי אמת" האָט נישט געלאָזט זיין זון, דעם יונגען פנחס מנחם ענטפערן, נאָר ער האָט אַליין פאָרגעזעצט: "מוז מען זאָגן, אַז דער לייטער איז געווען ווייך און לייכטער ווי דער הימל. אויך מוז מען זאָגן, אַז די מלאכים וואָס זענען אַרויפגעגאַנגען און אַראָפּגעקומען פונעם לייטער, זענען געווען לייכטער און ווייכער ווי דער לייטער"...

פון דעם לערנען מיר, אַז "וואָס מער הימליש, איז מען גרינגער", ווייל כדי אַרויפצופליען אויף די טרעפּ פון קדושה, דאַרף מען זיין "ווייך ווי אַ שטעקעלע"...

**ט.** דער "בית ישראל" האָט אויך געזאָגט, די מלחמה קעגן עמלק דאַרף שטענדיג אָנגיין, אָן אַן אפשטעל. אפי' אויב דער מענטש איז חלילה נכשל געוואָרן און איז געפאַלן אין דער מלחמה מיט'ן יצר הרע, דאַרף ער זיך שטאַרקן און פּרובירן צוריקצוקומען צו זיין פריערדיגן מצב.

מעגליכקייט תשובה צו טוהן, האָט ער נאָך אַלץ אַ  האָפענונג פאַר תשובה, ווי עס שטייט אין ספר שאלות

---

ער האָט געזאָגט אַ רמז אין דעם וואָרט "עמלק", מיט אַ אידישן אויסשפּראַך: "אַמאָל לייגט" ער (דער יצר) מיך אַראָפּ, און "אַמאָל לייג" איך איהם אַראָפּ... דער עיקר איז, נישט צו פאַלן ביי זיך פון די נפילות, נאָר גיין מיט אַ שטאַרקייט צו די קומענדיגע מלחמה.

דער עיקר איז, אַז דער מענטש זאָל זיין פול מיט "חיות" דקדושה, און ער זאָל זיך פרייען מיט יעדע מצוה וואָס ער איז זוכה מקיים צו זיין.

אַ איד האָט אַמאָל געזאָגט צו הרה"ק רבי אברהם'לע טשעכאַנאָווער זי"ע (בעל "צלותא דאברהם"): "איך בין אין זעלבן עלטער ווי איר זענט, מיר האָבן צוזאַמען געלערנט יונגערהייט. אויך איך - אַזוי ווי איר - דין דעם אויבערשטען מיט אַלע מיינע מעגליכקייטן. איך קען אויך לערנען אַזוי ווי איר. אויב אַזוי, פאַרוואָס זענט איר געוואָרן אַ רבי, אַ מנהיג פון אַן עדה אידן, און איך בין געבליבן אַ פשוט'ער מענטש, אַזוי ווי פריער. כ'בין דאך גלייך מיט אַלעמען...".
האָט דער טשעכאַנאָווער רבי איהם געפרעגט, "ווען האָט איר געהאַט די גרעסטע פרייד אין אייער לעבן, וואָס מער פון דעם איז נישט שייך זיך צו פרייען". האָט יענער איהם געענטפערט, אַז אַ צייט צוריק האָט ער געוואונען אַ "לאָטאָ" פון צען טויזנט רובל, און דאָס האָט איהם פאַרשאַפט אַזוי פיל פרייד, אַז ער געדענקט נישט ער זאָל האָבן זיך געפרייט אין לעבן אַזוי ווי דעמאָלטס. האָט דער טשעכאַנאָווער רבי זיך פאַרטראַכט, און איהם געזאָגט:
- אָה... דו האָסט קיינמאָל פריער זיך נישט אַזוי געפרייט ווי דעמאָלטס... דו האָסט קיינמאָל פריער נישט געהאַט אַזאַ שמחה... וויסן זאָלסטו, אַז יעדן טאָג ווען איך שטרעק אויס מיין האַנט צו לייגן די הייליגע תפילין, ווערט מיין האַרץ אַזוי איבערגעפילט מיט שמחה, טויזנט מאָל מער ווי די שמחה וואָס דו האָסט געשפירט ווען דיין נאָמען איז אויפגעקומען אויפ'ן 'לאָטאָ'...

ווען דער איד האָט דאָס געהערט, האָט ער געזאָגט צום טשעכאַנאָווער רבי'ן:
- אָה, איר זענט טאַקע אַ רבי... איר זענט אַ רבי...

אגב, הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע האָט געזאָגט, אַז ער האָט געקענט אַ איד אין שטעטל זוועהיל (אין רוסלאַנד), וואָס זיין פרייד און הנאה ווען ער האָט געלייגט תפילין, איז געווען גרעסער ווי די הנאה וואָס די רשעים האָבן, ווען זיי גיבן נאָך זייערע נידעריגסטע תאוות... (עס איז באַקאַנט, אַז ווען הרה"ק רבי שלמה'קע פלעגט זאָגן, "איך האָב געקענט אַ איד אין זוועהיל...", האָט ער געמיינט נישט קיין אַנדערן ווי זיך זעלבסט).

אויך האָט דער טשעכאַנאָווער רבי זי"ע הנ"ל, געזאָגט (און ענליך ווערט געברענגט אין נאָמען פון ווילנער גאון זי"ע) אויף די ווערטער פון דעם אמורא רבי זירא (ברכות יד.) "כל הלן שבעה ימים בלא חלום, נקרא רע". יעדער וואָס נעכטיגט זיבן טעג אָן אַ חלום, ווערט אָנגערופן "רע" – אַ שלעכטער מענטש. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס ווערט ער גערופן "רע", אויב ער האָט גאָרנישט גע'חלומ'ט אין לויף פון אַ וואָך צייט?

האָט דער טשעכאַנאָווער רבי געענטפערט, ווען דער מענטש שלאָפט, זעהט אויס אין זיינע אויגן אַז אַלעס וואָס ער זעהט אין חלום, איז אמת'דיג און ריכטיג, אָבער ווען ער שטייט אויף אינדערפרי, און ער עפענט זיינע אויגן, זעהט ער אַז אַלעס איז געווען נישט מער ווי אַ חלום - נאַרישקייטן, אָן אַ ממשות. דאָס זעלבע איז מיט אַלעם וואָס קומט פאָר אויף דער וועלט, ווייל לעתיד, ווען מקוים ווערן ביי אונז דער פסוק (תהלים קכו, א) "היינו כחולמים", מיר זענען געווען (אויף דער וועלט) ווי מענטשן וואָס חלומ'ען. דער חילוק איז נאָר, אַז דער חלום וואָס מ'זעהט ביינאַכט אין שלאָף, ענדיגט זיך באַלד אינדערפרי ווען מ'שטייט אויף פון שלאָף, אָבער דער חלום וואָס דער מענטש חלומ'ט אויף דער וועלט, ווען ער איז "וואַך", דויערט 120 יאָר... באמת, זענען אָבערביידע "חלומות" גלייך איינע צום אַנדערן, און אַלע זאַכן אויף דער וועלט זענען באמת נישט מער ווי אַ חלום.

דאָס איז רבי זירא מרמז מיט'ן זאָגן, אַז דער מענטש וואָס שלאָפט אין לויף פון זיבן טעג (אַ גאַנצע וואָך) אָן אַ "חלום", דאָס הייסט, עס זענען אַריבערגעגאַנגען זיבן טעג - אַריינגערעכנט שבת - און ער האָט זיך אינגאַנצן נישט אויפגעכאַפּט פון שלאָף, צו פאַרשטיין אַז אַלעס איז נישט מער ווי אַ חלום - "הבל הבלים". אַזאַ איינער פאַרדינט אָנגערופן צו ווערן מיט'ן טיטול "רע" - אַ שלעכטער מענטש, ווייל דער מענטש דאַרף זיך כאַטש אין דעם הייליגן שבת'דיגן טאָג, אויפכאַפּן פון זיין חלום, און זיך אויפהייבן אַ "טפח" העכער פון דער גשמיות'דיגער וועלט.

ותשובות מהרים"ט (או"ח סי' ח) אַז באַטש ס'איז אַרויסגעגאַנגען אַ "בת קול" פון הימל (עי' חגיגה טו.) "שובו בנים שובבים, חוץ מאחר", אַז "אחר" (אלישע בן אבוי) קען מער נישט תשובה טוהן, פונדעסטוועגן, אויב ער וואָלט תשובה געטוהן, וואָלט מען אַוודאי אָנגענומען זיין תשובה', ווייל "אין לך דבר העומד בפני התשובה", קיין שום זאַך, שטייט נישט אין וועג פון תשובה!

**דאָס** איז אויך מרומז אין די ווערטער פון דער גמרא (פסחים פו.) "כל מה שיאמר לך בעל הבית עשה, חוץ מצא", דער מענטש דאַרף פאָלגן אַלעס וואָס דער באַלעבאָס זאָגט איהם, אויסער ווען ער זאָגט איהם "גיי אַרויס פון מיין הויז". "בעל הבית" איז מרמז אויפ'ן אויבערשטער, וועלכער איז דער באַלעבאָס אויף דער גאַנצער וועלט, און מיר זענען מחויב צו הערן זיין קול, אויסער ווען ער שטופּט אַוועק דעם מענטש פון תשובה, און ער זאָגט איהם "צא ממחיצתי" - גיי אַרויס פון מיין מחיצה. ווייל באמת וויל דער "באַלעבאָס" (דער אויבערשטער) אַז דער מענטש זאָל תשובה טוהן.

**אדרבה**, דאָס איז דער גאַנצער רצון פונעם באַשעפער ברוך הוא, אַז דער איד זאָל שרייען צו איהם, "טאַטע, טאַטע, באַטש דו האָסט געזאָגט אַז איך קען שוין נישט תשובה טוהן חלילה, פונדעסטוועגן, וועל איך תשובה טוהן, קעגן דיין ווילן כביכול. איך וועל נישט נאָכלאָזן פון דיר"..!

**אַזוי** זאָגן די ספרים אויף די ווערטער פון חז"ל (ברכות לב.) אויפ'ן פסוק (שמות לב, י) "ועתה הניחה לי וגו'", רבי אבהו האָט געזאָגט, ווען נישט וואָס עס איז אַ בפירוש'ער פסוק, קען מען נישט זאָגן אַזעלכע ווערטער. "מלמד שתפסו משה להקדוש ברוך הוא כאדם שתופס את חבירו בבגדו", דער פסוק לערנט אונז, אַז משה רבינו ע"ה האָט "אָנגעכאַפּט" דעם אויבערשטען כביכול (נאָך דעם ווי די אידן האָבן געמאַכט דעם עגל) אַזוי ווי אַ מענטש כאַפּט אָן זיין חבר ביי זיין קלייד, און משה האָט געזאָגט צו דעם אויבערשטען: "רבונו של עולם, איך וועל נישט נאָכלאָזן פון דיר, ביז דו וועסט זיי מוחל זיין" (די אידן), און ער וועט זיי

---

אויך זאָגן די ספרים אַ משל, אַ מענטש האָט יעדע נאַכט געזעהן אין שלאָף גוטע און זיסע חלומות. דעמאָלטס האָט ער זיך געזעהן אַלס אַ גרויסער עושר, אָדער ווי אַ קעניג וואָס איז אַרומגענומען מיט אַלעם גוטן, מיט שיינע פּאַלאַצן, געשמאַקע מאכלים, הערליכע קליידער, און מער ווי אַלעס - אַרומגענומען מיט באַדינער.

אַ געוויסן טאָג, איז צוגעקומען צו איהם זיינס אַ גוטער פריינט, און ער האָט איהם געפרעגט: "וויבאַלד דו זעהסט אַזעלכע גוטע חלומות, פאַרוואָס פאַרברענגסטו נישט דעם גרעסטן טייל פון דיינע טעג, אין שלאָף? אַזוי וועסטו דאָך מער קענען געניסן פון דיין רייכטום!...".

האָט דער "בעל החלומות" איהם געענטפערט:

- דו נאַר! אין חלום, בין איך דאָך נישט באמת רייך. עס איז נישט מער ווי אַ דמיון. ממילא, וואָס האָב איך צו פאַרברענגען מיינע טעג מיט פאַלשע דמיונות און פאַרגעניגנס?

האָט זיין פריינט איהם געזאָגט:

- מיין טייערער פריינט: אויך ווען דו שלאָפסט נישט, זענען דיינע פאַרגעניגנס נישט מער ווי אַ "דמיון" פון אַן איין-מינוטיגן פאַרגעניגן, וואָס האָט נישט קיין ממשות. נאָר די תורה און אירע מצוות זענען אַ נצחיות.

**י.** אַזוי זאָגט אויך דער מהרש"א ("חידושי אגדות", חגיגה, דאָרט) אַז עס איז אַ פשוט'ע זאַך, אַז אויב "אחר" וואָלט תשובה געטוהן, וואָלט דער אויבערשטער אָנגענומען זיין תשובה מיט ליבשאַפט, נאָר צוליב זיינע עבירות האָט ער נישט זוכה געווען צו באַקומען אַן "אתערותא דלעילא" - אַ התעוררות פון הימל - תשובה צו טוהן. (ענליך שרייבט דער שלה"ק, געברענגט אין ספה"ק "אגרא דפרקא", אות א').

מ'קען צוגעבן, אַז דאָס איז אויך מרומז אין די ווערטער פון מרדכי הצדיק אין דער מגילה (אסתר ד, יד) "ריוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר". יעדער איינער וואָס ווערט אָנגערופן "יהודי" - איד - קען האָבן אַ תיקון דורך תשובה. אַ ראיה האָסטו, "מקום אחר", לערן זיך אַרויס פון אחר, וואָס וויבאַלד ס'איז אַרויס אַ "בת קול" וואָס האָט אויסגערופן אין הימל, "שובו בנים שובבים חוץ מאחר", אָבער די טויערן פון תשובה זענען געבליבן אָפען אויך פאַר איהם, און אויב ער וואָלט געהאַט שכל תשובה צו טוהן, וואָלט דער אויבערשטער אָנגענומען זיין צובראָכן האַרץ, זעהען מיר פון דעם אַז אַפילו אַ "פחות שבפחותים" - דער נידעריגסטער פאַרשוין - וואָס ליגט אין טיפן גרוב פון עבירות רח"ל, קען זיך באַנייען און ענדערן זיין גאַנצן מהות, דורך תשובה.

אָנגעמען זיך ווייטער צו געפינען אונטער די פליגל פון די הייליגע שכינה. אין יענע מינוט, האָט דער אויבערשטער געזאָגט "סלחתי כדבריך", איך וועל מוחל זיין פאַר די אידן, ווייל דאָס איז טאַקע מיין גאַנצער ווילן, אַז דו זאָלסט מיך בעטן בתחנונים, און דורך תשובה, וועל איך מוחל זיין פאַר די אידן דאָס וואָס זיי האָבן געמאַכט דעם עגל.

### כתית למאור - מ'מעג נאָר זיין צובראָכן אויב נאָכדעם ווערסטו שיינען

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער סדרה (כח, לה) "ונשמע קולו בבואו אל הקודש לפני ה', ובצאתו ולא ימות". זאָגט דער גאון בעל "חתם סופר" זי"ע ("תורת משה", נצבים, דרוש לז"ך אלול תקצ"ח), דער רמב"ן זאָגט אַ טעם פאַרוואָס דער כהן גדול דאַרף אַריינקומען אין קודש הקדשים מיט גלעקלעך אויף זיין מעיל, וויבאַלד די מלאכים זענען מקנא דעם מענטש וואָס איז זוכה צו דינען דעם אויבערשטען אין קודש הקדשים (דער כהן גדול), און דורך די גלעקלעך, ווערן פאַרשטאָפּט זייערע טענות. דאָס אָנטוהן דעם מעיל, איז גלייך ווי דער אויבערשטער טוט איהם אָן קעניגליכע קליידער, און דאָס וואַרפט אַ מורא אויף די מלאכים.

**לויט** דעם איז אָבער שווער, ווי אַזוי איז דער כהן גדול אַריינגעגאַנגען יום כיפור לפני ולפנים מיט די ווייסע קליידער, אָן דעם מעיל און די גלעקלעך? אין אַזאַ צייט דאַרף וועגן דער כהן גדול מער חושש זיין פאַר די קנאה פון די מלאכים, ווי אין אַן אַנדערן זמן?

**ענטפערט** דער "חתם סופר", וויבאַלד ווען דער כהן גדול טוט-אָן די ווייסע קליידער, איז ער זיך מתבונן, ער טראַכט אַריין פאַרוואָס איז אַנדערש דער טאָג (יום כיפור) ווען ער טוט-אָן ווייסע קליידער, אַנדערש ווי די אַנדערע טעג פון יאָר, וואָס ער טראָגט גאָלדענע קליידער. אַזוי דערמאָנט ער זיך אין דעם טעם וואָס די חז"ל זאָגן (ר"ה כו.) "אין קטיגור נעשה סניגור". אַ מקטרג קען שפּעטער נישט זיין דער מליץ-יושר. ווען דער כהן גדול דערמאָנט זיך פון דעם חטא העגל, ווערט ער זייער צובראָכן ביי זיך, און ער ווערט נתעורר צו תשובה שלימה מיט אַ צובראָכן האַרץ. אַזאַ צובראָכן האַרץ איז אַ סאַך גרעסער און חשוב'ער, און איז בכח מער ווי די גלעקלעך, אפּצושטילן דאָס קול פון די מלאכים וואָס זענען איהם מקנא[יא].

**אויף** אַן אַנדער אָרט ("תורת משה", בהר, ד"ה "ויש לרמז וכו' תשי"ג"), שרייבט דער "חתם סופר", אַז אַמאָל העלפט פאַר דעם צדיק איין עבירה וואָס ער האָט געטוהן, מער ווי אַלע מצוות וואָס ער האָט מקיים געווען זיין גאַנצן לעבן, ווייל דורך יענע עבירה ווערט זיין האַרץ אונטערטעניג, און ער האַלט זיך קליין[יב].

**ענליך** שרייבט דער "חובות הלבבות" (שער התשובה, פ"ח) וועגן די מעלה פון דעם בעל תשובה, מער

---

**יא.** אַמאָל שבועות אינדערפרי, האָט אַ חסיד געזעהן ווי דער גערער רבי, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע, שפּאַצירט אין זיין צימער, פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען. גייענדיג אַזוי, האָט דער "בית ישראל" איבערגע'חזר'ט פאַר זיך דעם פסוק (רות א, כא) "אני מלאה הלכתי, וריקם השיבני ה'". איך בין אַרויסגעגאַנגען פול, און דער אויבערשטער האָט מיך צוריקגעשיקט ליידיג. האָט דער חסיד געטראַכט ביי זיך, אַז מסתמא האָט דער רבי זיך דערמאָנט אין די טרויעריגע איבערלעבענישן אין צייט פון די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, ווען ער האָט ליידער פאַרלוירן זיין גאַנצע משפחה, די רעביצין און צוויי קינדער, וועלכע זענען אומגעקומען על קידוש השם, הי"ד.

ווען דער "בית ישראל" האָט באַמערקט דעם חסיד, האָט ער איהם געזאָגט זיין כוונה אין דעם פסוק, ווי פאָלגענד:

- ווען דער מענטש דרייט זיך אַרום "מיט די נאָז אַרויף" (ער האַלט זיך גרויס), ער מיינט אַז "כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה", דאָס הייסט, ער טראַכט ביי זיך, "אני מלאה הלכתי", איך בין געגאַנגען "פול", דאַן איז "וריקם השיבני ה'", דער אויבערשטער נעמט אַראָפּ זיין השגחה פרטית ח"ו פון איהם. אַזאַ איינער וועט נישט מצליח זיין, און ער וועט בעל כרחו מוזן אנערקענען אַז דער אויבערשטער פירט די גאַנצע וועלט, און צו איהם וועט ער זיך ווענדן נאָך הילף. אויב ער וועט האָבן הכנעה פאַר'ן אויבערשטען, וועט דער אויבערשטער איהם העלפן מיט אַלעם גוטן.

**יב.** ס'איז פשוט, און מ'דאַרף עס נישט אויס-שמועסן, אַז אַוודאי טאָר מען נישט זינדיגן לכתחילה ח"ו, כדי דערנאָך צו ווערן צובראָכן ביי זיך, אָבער אַז מ'האָט שוין יאָ געזינדיגט, איז כדאי צו געדענקן דעם מאמר פונעם "חתם סופר".

ווי איינער וואָס האָט קיינמאָל פריער נישט געזינדיגט. צום ביישפיל, אויב ער האָט געטוהן אַ לייכטע עבירה, ער האָט עובר געווען אויף אַ לאו וואָס האָט נישט קיין עונש כרת, און דערנאָך האָט ער תשובה געטוהן. ער זעהט שטענדיג פאַר זיינע אויגן די נכשל פון די עבירה, און ער איז אייביג אונטערטעניג פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא, זיין האַרץ האַלט זיך קליין, און ער געדענקט נישט זיינע מעשים טובים, קומט אויס אַז זיין עבירה איז גאָר דער גורם פאַר זיין אונטערטעניגקייט, און זיין השתדלות צו ערפילן זיינע פליכט פאַר'ן אויבערשטען. מיט דעם איז ער מער ווי דער צדיק וואָס האָט קיינמאָל נישט געזינדיגט מיט יענע עבירה (ווייל וועגן דעם צדיק, איז דאָך נישט זיכער אַז ער וועט זיך קיינמאָל נישט האַלטן גרויס).

**מ'קען** דאָס מרמז זיין אין די ווערטער פון פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כז, כ) "כתית למאור", וואָס רש"י זאָגט אויף דעם, "ולא כתית למנחות". זאָגט הרה"ק רבי העניך זי"ע פון אַלכסנדר, אַז דער תכלית פון דעם וואָס דער מענטש האָט אַ צובראָכן האַרץ ("כתית") איז "למאור" - ער זאָל וועלן שיינען. "ולא כתית למנחות" - ער זאָל זיך נישט "אַוועקלייגן" און אָפּשטעלן זיין עבודה, נאָר ער זאָל דערלייכטן זיין נשמה מיט עבודת ה'[יג].

**אַזוי** זאָגט הרה"ק רבי ר' בונם פון פשיסחא זי"ע ("קול שמחה", וישב, בהערה), אויף די ווערטער פון מדרש (ב"ר פה, א) רב שמואל בר נתן האָט געזאָגט, דער נביא זאָגט (ירמיה כט, יא) "כי אנכי ידעתי את המחשבות". די שבטים זענען געווען פאַרנומען מיט פאַרקויפן יוסף, יוסף איז געווען פאַרנומען מיט זיין זאַק און פאַסטן וכו', און יהודה איז געווען באַשעפטיגט חתונה צו האָבן, אָבער דער אויבערשטער האָט זיך באַשעפטיגט צו באַשאַפן דעם אור פון משיח צדקינו.

**זאָגט** דער רבי ר' בונם, יהודה האָט געטראַכט ביי זיך, אָט זענען די הייליגע שבטים טרויעריג און פאַרביטערט פון דעם וואָס זיי האָבן פאַרקויפט יוסף'ן. זיי וויינען און טוען תשובה דערויף טאָג און נאַכט. אויך יוסף איז באַשעפטיגט מיט זיין זאַק און מיט זיין תענית. אָבער איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ פרוי און זי איז געשטאָרבן רח"ל. אויך די צוויי קינדער (ער און אונן) זענען ליידער געשטאָרבן יונגערהייט. איז דאָך קלאָר אַז דאָס אַלעס האָט פאַסירט מיט מיר, אַלס אַ שטראָף פון הימל, ווייל נישט נאָר וואָס איך האָב נישט אנטייל גענומען אינעם צער פון די שבטים, נאָר דערצו האָב איך נאָך חתונה געהאַט מיט אַ פרוי, און אין דער גאַנצער מכירה, דאָס פאַרקויפן יוסף, איז קיינער נישט שולדיג, נאָר איך אַליין, ווייל איך בין געווען דער קעניג פון די שבטים, און זיי האָבן פאַרקויפט יוסף'ן אויף מיין אָנווייזונג. ממילא, האָט יהודה געקענט פאַרלירן האָפענונג, און טראַכטן, איך האָב מער נישט קיין חלק אין די הייליגע תורה...

---

**יג.** הרה"ק רבי אהרן הגדול זי"ע פון קאַרלין, שרייבט אין אַ בריוו (געברענגט אין ספר "כנסת ישראל"), אַז דער חילוק צווישן "עצבות", וואָס איז אסור, און "מרירות", וואָס איז מותר, און עס פעלט אַפילו אויס פאַר'ן מענטש, איז נישט מער ווי אַ "חוט השערה" - אַ דין האָרל.

ער שטעלט-צו דערצו די ווערטער פון די גמרא (חולין כז.) "נשחט רובו" - אויב דער גרעסטער טייל פון די סימנים זענען געשחט'ן געוואָרן, איז די בהמה כשר, אָבער אויב נאָר אַ העלפט איז געשחט'ן געוואָרן, איז עס טריפה. דער חילוק צווישן "רוב" און אַ העלפט, איז נישט מער ווי אַ האָרל, ווייל דער גאַנצער חילוק צווישן "כשר" און "טריפה" איז אַ חוט השערה...

דער וועג צו דערקענען דעם חילוק איז, ווייל ווען דער מענטש איז טרויעריג, בעצבות, איז זיין גאַנצער קערפּער שווערליך, און ער לייגט זיך שלאָפן פון גרויס יאוש. ער קען נישט אויסהאַלטן, נישט פון זיך, און נישט פון אַנדערע. אָבער מרירות, לאָזט איהם נישט שלאָפן, ווייל ער אנערקענט אַז ער האָט נאָך נישט אָנגעהויבן צו דינען דעם אויבערשטען, און דאַן גייט ער און "כאַפּט" אַ תפילה, אַ מצוה, ער נעמט אַ גמרא אין דער האַנט, און ער זעצט זיך אַוועק לערנען (ענליך האָט געזאָגט הרה"ק רבי העניך זי"ע פון אַלכסנדר).

די וועלט זאָגט אַ חילוק צווישן עצבות און מרירות, ווען דער מענטש איז בעצבות, זאָגט ער, איך האָב שוין "גאָרנישט". איך האָב פאַרלוירן יעדע האָפענונג חלילה. אָבער ביי מרירות, זאָגט דער מענטש, איך האָב "נאָך" גאָרנישט, ממילא, וועל איך פון יעצט און ווייטער, זעהן צו טוהן מער און מער.

יהודה האָט אָבער נישט געלאָזט אַזעלכע טרויעריגע געדאַנקען זיך צו שטאַרקן אויף איהם. ער האָט זיך באַלד צוריקגעכאַפּט און געזאָגט, איך וועל נישט מאַכן הימלישע חשבונות, נאָר איך הייב אָן די תורה פון אָנהייב - מיט די ערשטע מצוה פון "פרו ורבו", צו האָבן קינדער.

ווען דער אויבערשטער האָט דאָס געזעהן, האָט ער געזאָגט: מיט'ן כח פון אַזאַ תשובה און באַנייאונג - נישט צו קוקן אויפ'ן עבר - באַשעפטיג איך זיך צו באַשאַפן דעם אור פון משיח, וואָס שטאַמט פון שבט יהודה...

**הרה"ק** רבי משה קאָברינער זי"ע האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק (שמות כ, יח) "ומשה ניגש אל הערפל אשר שם האלקים". "ערפל" איז פון לשון "אַראָפּ פאַל"... דער מענטש דאַרף וויסן, אַז דווקא אין דעם אָרט פון די נפילה, דווקא דארט געפינט זיך דער אויבערשטער[יד] ("שָם האלקים").

**אַזוי** זאָגן די ספרים אויף די ווערטער וואָס מיר זאָגן (תפלת מוסף לראש חודש) "מזבח חדש בציון תכין". דאָס שחט'ן דעם יצר הרע ווערט געטוהן דורך "חדש", התחדשות - באַנייאונג, און נאָר אַזוי קען מען שחט'ן דעם יצר הרע זעה "בית אהרן" לר"ח שבט, (ע' סה:).

**צדיקים** האָבן געזאָגט, אַז דער בלבול הדעת האָט גורם געווען דעם חטא העגל, ווי רש"י ברענגט (פרשת כי תשא) אַז אין פופצענטן טאָג פון חודש תמוז איז דער שטן געקומען און ער האָט צעמישט די וועלט, און ער האָט געוויזן אַ געשטאַלט פון פינצטערניש און צעטומלונג, צו זאָגן, אַז משה איז אַוודאי שוין נסתלק געוואָרן, און אַז דערפאַר איז געקומען אַ צעטומלעניש אויף דער וועלט. דער שורש פון די עבירה קומט פון פון צעטומלעניש און בלבול הדעת. דעריבער דאַרף דער מענטש אַרבעטן אויף זיך צו פאַרבלייבן שטענדיג מיט ישוב הדעת, און זיך משתדל זיין צו טוהן זיין פליכט פון דאָ און ווייטער, און דאַן העלפט איהם דער אויבערשטער.

---

**יד.** אַמאָל האָט מען איינגעזעצט אין תפיסה דעם הייליגן רבי'ן ר' זושא פון האניפּאָלי זי"ע. מ'האָט איהם אַריינגעוואָרפן אין אַ קליין קעמערל, וואו ער האָט אַפילו נישט געקענט צודעקן זיינע באַדערפענישן. ער האָט זיך שטאַרק מצטער געווען דערפון, אַז ער קען דאָרט נישט דאַווענען און טראַכטן דברי תורה, צוליב די "צואה" וואָס איז געלעגן אָפען. שפּעטער האָט דער רבי ר' זושא זיך אָבער געשטאַרקט, אזש אז ער איז געוואָרן אַזוי בשמחה, אַז ער האָט זיך גענומען טאַנצן פון פרייד...

ווען די טורמע-וועכטער האָבן געהערט אַ גערודער פון זינגען און טאַנצן, זענען זיי געקומען צו לויפן צו זיין קעמערל, צו דערגיין "לשמחה מה זו עושה". דער רבי ר' זושא האָט אָבער ווייטער געטאַנצט מיט גרויס דביקות. אויף זייער פראַגע פאַרוואָס ער איז אַזוי פריילך, האָט ער זיי געוויזן אויף דעם אָרט וואו עס געפינט זיך די "צואה", אָנדייטנדיג אַז דאָס איז גורם פאַר איהם זיין פרייד... זיי האָבן דאָך איהם געוואָלט פייניגן, האָבן זיי אַרויסגעוואָרפן די גאַנצע צואה פון דאָרט, און ער האָט זיך געקענט שטעלן דאַווענען און לערנען פאַר'ן אויבערשטען...

שפּעטער, האָט דער רבי ר' זושא געזאָגט, אַז אין אָנהייב האָט ער זיך געערגערט דערפון וואָס ער קען נישט לערנען און דאַווענען פאַר'ן באַשעפער, אָבער נאָך אַ התבוננות, האָט ער זיך באַרעכנט אַז דאָ איז בכלל נישט דאָ אַן אָרט פאַר עצבות און צער, ווייל דער זעלבער באַשעפער וואָס האָט באַפוילן צו לערנען און דאַווענען, האָט איהם יעצט באַפוילן נישט צו דאַווענען, ווייל דער אויבערשטער האָט דאָך אַזוי צוגעפירט אַז ער זאָל איינגעשפּאַרט ווערן אין אַ קעמערל וואָס איז נישט ריין פון צואה און אַזוי קען ער דאָך נישט לערנען און דאַווענען, קומט אויס אַז יעצט איז דער רצון פון באַשעפער אַז ער זאָל נישט דאַווענען. דאָס איז דאָך אַ זעלטענע מצוה (נישט צו דאַווענען...), און דערפאַר האָט ער זיך צעזינגען און איז אַרויסגעגאַנגען אין אַ טאַנץ, אַז ער האָט אַ געלעגנהייט מקיים זיין אַזאַ "זעלטענע" מצוה...

דער לימוד פון די מעשה איז, אַז דער מענטש דאַרף גוט איינוואָרצלען אין זיין האַרץ, אַז אַלע נסיונות און שטערונגען זענען נישט סתם אַ צופאַל, נאָר ס'איז דער רצון פון באַשעפער אַז ער זאָל טוהן זיין ווילן אין זיין מצב אין וועלכן ער געפינט זיך. וועגן דעם דאַרף ער זיך פרייען מיט די עצם עגמת נפש און דעם נסיון וואָס ער האָט, און אַזוי איז ער ממתיק פון זיך אַלע דינים.

**ווען** דער מענטש טוט זיין פליכט און קוקט נישט אויף קיין מניעות, איז ער מקיים דערמיט די מצוה פון "מחיית עמלק", למהדרין מן המהדרין, ווייל דער תכלית און הויפט-ציל פון עמלק - דער יצר הרע - איז, אריינצוברענגען געפילן פון יאוש און עצבות אין אידישע הערצער, אָבער ווען דער מענטש איז זיך נישט מייאש פון קיין שום נפילה, נאָר ער שטייט ווייטער מיט'ן וואָפען אין דער האַנט צו קעמפן קעגן דעם יצר הרע, אַן דעם וואָס ער זאָל נאָכקוקן צו ער האָט איהם באַזיגט אָדער נישט, טוט ער מיט די עצם מלחמה, אויסמעקן דעם נאָמען און דעם זכר פון עמלק, ווי דער פסוק זאָגט (שמות יז, טז) "מלחמה לה' בעמלק מדור דור", דאָס עצם שטיין אין מלחמה דור נאָך דור, איז דער הויפט-נצחון קעגן עמלק'ן.

**דאָס** זעהען מיר אויך אין דער מגילה, ווי זרש האָט געזאָגט צו המן (ו, יג) "אם מזרע היהודים מרדכי אשר החילות לנפול לפניו". לכאורה איז דאָס וואָרט "מזרע", איבעריג, ווייל עס וואָלט געווען גענוג זי זאָל זאָגן "אם מהיהודים מרדכי"[טו].

**ענטפערט** דער "תפארת שלמה" (רמזי פורים, ד"ה "אם מזרע") בדרך רמז, אַז די אידן זענען צוגעגליכנט צו תבואה וואָס מ'זייט איין אין פעלד. פונקט ווי ביי די תבואה אין פעלד, ווערט דאָס קערנדל קודם פאַרפוילט און דערנאָך וואַקסט אַרויס די תבואה, אַזוי אויך די אידן, אפי' אויב עס זעהט אויס אַז זיי זענען "פאַרפוילט" ח"ו, זענען זיי זיך קיינמאָל נישט מייאש ח"ו. אדרבה, די "פוילונג" און שפלות פירט זיי צו שפראָצן און וואַקסן ווי ביימער וואָס ווערן באַשאַפער פון אַ זאַך וואָס "זרעו כלה"[טז].

**דאָס** איז אויך די כוונה אין די ווערטער פון המן, ווען ער האָט געזעהן ווי מרדכי הצדיק לערנט תורה מיט אידישע קינדער, האָט ער געזאָגט (מגילה טז.) "אתא מלי קומצי קמחא דידכו, ודחי עשרה אלפי כברי כספא דידי". אייער "קמיצה" פון מעהל, וועט אַוועקשטופן מיינע צען טויזנט שטיקער זילבער (וואָס איך האָב געגעבן פאַר'ן קעניג אחשוורוש כדי אומצוברענגען די אידן ח"ו).

**האָט** געזאָגט אויף דעם, דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "בית אברהם" זי"ע, אַז ווען המן האָט עס געזעהן, האָט ער זיך געוואונדערט און געפרעגט פון מרדכי'ן, וואָס האָסטו צו לערנען הלכות פון קמיצה, ענדערש זאָלסטו לערנען די הלכות פון קידוש השם און ווידוי, וואָס דאָס איז "מענינא דיומא", וויבאַלד עס איז אַרויס אַ גזירה "להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים" ח"ו.

**אויף** דעם האָט מרדכי איהם געענטפערט, אַז אידישע קינדער פאַרלאָזן זיך אויף דעם אויבערשטען אַז עס וועט מיט זיי גאָרנישט פּאַסירן, און דער אויבערשטער וועט זיי ראַטעווען פון די גזירת כלי'. אויף דעם האָט המן זיך ווייטער געוואונדערט, פאַרוואָס לערנט איר יעצט די הלכות פון קמיצה, איר האָט דאָך נישט אַ בית המקדש מקריב צו זיין קרבנות? אָבער אויך אויף דעם האָט איהם מרדכי געענטפערט, אַז אידן האָפען יעדן טאָג און יעדע מינוט, אַז דער אויבערשטער וועט שיקן דעם גואל צדק וועלכער וועט אויפבויען אונזער

---

**טו.** עס ווערט געברענגט ("ליקוטי כרם שלמה", ח"ג, ע' קפ) אַ תירוץ אויף די קשיא, אַז דאָס וואָרט "מזרע" איז מרמז אויף די תינוקות של בית רבן, ווי די גמרא זאָגט (מגילה טז:) אַז ווען המן איז געקומען צו מרדכי כדי איהם אַרומצופירן איבער דער שטאָט שושן מיט די קעניגליכע קליידער, אויפ'ן קעניג'ס פערד, האָט מרדכי דעמאָלטס געלערנט מיט תינוקות של בית רבן די הלכות פון קמיצה, און זי האָט איהם געוואָלט מרמז זיין, אַז ער וועט נישט קענען באַזיגן די אידן ווייל זיי לערנען תורה מיט קינדער, וואָס זייער לימוד התורה איז "הבל פה שאין בו חטא".
**טז.** אַזוי האָט געזאָגט דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "בית אברהם" זי"ע, אַז תבואה און פירות וואַקסן נישט אין אַ "גאָלדענעם בעכער", נאָר מ'לייגט אַריין אַ קערנדל אין דער ערד, און דאָרט ווערט עס פאַרפוילט און פאַרלענדט ביז עס וואַקסט אַ גרויסער בוים. אַזוי ווערט דער מענטש דערהויבן פון זיינע שוועריגקייטן, אויב ער שטאַרקט זיך בעת אַ נסיון און ער פאַלט נישט אַריין אין יאוש, איז ער זוכה צו שטייגן העכער און העכער. און אַזוי איז באַקאַנט צווישן די פערד-אַרבעטער און אַגריקטורעלער, אַז דורך דעם וואָס מ'לייגט אַריין אַ סאַך מיסט אין דער ערד, וואַקסן זיסע און שיינע פרוכטן. דאָס איז מרמז, אַז דווקא פון דער פינצטערניש שפּראָצט אויף אַ גרויסע לעכטיגקייט.

הערליכע היים - דעם בית המקדש, במהרה בימינו, און וועגן דעם לערנען מיר שוין יעצט די הלכות פון קמיצה, כדי צו וויסן די הלכות לעתיד לבוא.

**אויף** דעם האט המן שוין געמוזט מודה זיין אַז דער "קומץ" פון מעהל וועט אַוועקשטופּן זיינע צען טויזנט זילבער-שטיקער, וויל אויב די אידן האָבן אַזוי פיל אמונה און בטחון, אין די שווערסטע צייטן צו שטיין אין מלחמה מיט'ן יצר הרע און נישט אויפגעבן די האָפענונג, איז זיכער אַז זיי וועלן געהאָלפן ווערן.

**אַזוי** זאָגט דוד המלך ע"ה (תהלים קטז, יא) "אני אמרתי בחפזי כל האדם כוזב". טייטשט דער רד"ק, אַז אויך ווען ער איז געיאָגט געוואָרן פון זיינע פיינט ("בחפזי"), האָט ער געזאָגט "כל האדם" - יעדער איינער וואָס זאָגט אַז איך וועל נישט האָבן אַ מלוכה, "כוזב" - זאָגט ליגן.

**דאָס** איז די גרעסטע מדריגה אין אמונה. אין יענע צייט, ווען שאול המלך האָט איהם נאָכגעיאָגט איהם צו הרג'ענען, האָט קיינער נישט געטראַכט אַז עס וועט קומען אַ טאָג ווען דוד וועט זיצן אויף די כסא מלוכה אַלס מלך ישראל. דוד המלך ע"ה אַליין, האָט אָבער יאָ געגלייבט דערין און אַרויסגעקוקט אויפ'ן טאָג ווען עס וועט איהם ווערן לעכטיג, און דאָס רעדל וועט זיך איבערדרייען צום גוטן. ער האָט אָפּגעוואָרפן די ווערטער פון אַלע וואָס האָבן אָפּגעלאַכט פון איהם, און אַזוי דאַרף יעדער איד זיך פירן, אַז אין יעדן מצב, אויך אין אַ צרה ח"ו, דאַרף מען גלייבן און זיך פאַרזיכערן אויף דעם בורא כל עולמים ברוך הוא.

**דער** אויבערשטער זאָל אונז שיקן זיינע "משלוח מנות" אין די איצטיגע טעג פון פורים, מיט א שפע רב און אַלע סאָרטן ישועות, און מיר זאָלן בקרוב זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו, אמן.